ווארט, וואס ער האט געזאגט: די, וואס דו האסט
מיר געגעבן, פון די האב איך קיין איינעם נישט
10 פארלוירן. און שמעון פעטרוס, האבנדיק א שווערד,
האט די ארויסגעצויגן, און געשלאגן דעם כהן גדולס
קנעכט און אים אפגעהאקט דאס רעכטע אויער.
11 און דער קנעכט האט געהייסן מלכוס. ישוע האט
דעריבער געזאגט צו פעטרוסן: לייג אריין די שווערד
אין דער שייד. דעם בעכער, וואס דער פאטער
האט מיר געגעבן, זאל איך אים דען נישט
טרינקען?
12 און די אפטיילונג (סאלדאטן) מיט דעם אפיציר און
די משרתים פון די יידן האבן געכאפט ישוען און אים
13 געבונדן; און אים קודם כל אוועקגעפירט צו חנן;
ווארום ער איז געווען דער שווער פון קיפא, וועלכער
14 איז געווען כהן גדול אין יענעם יאר. און עס איז
געווען קיפא, וואס האט געראטן די יידן, אז עס
איז גוט איין מענטש זאל שטארבן פאר דעם פאלק.
15 און שמעון פעטרוס און אן אנדערער תלמיד האבן
נאכגעפאלגט ישוען. און יענער תלמיד איז געווען
באקאנט מיט דעם כהן גדול, און ער איז אריינגעגאנגען
16 מיט ישוען אין הויף פון דעם כהן גדול. פעטרוס
אבער איז געשטאנען ביי דער טיר אינדרויסן. דער
אנדערער תלמיד, וואס איז געווען באקאנט מיט דעם
כהן גדול, איז דעריבער ארויסגעגאנגען און האט
גערעדט מיט דער טיר־וועכטערין, און אריינגעפירט
17 פעטרוסן. און די מויד, די טיר־וועכטערין, האט
געזאגט צו פעטרוסן: צי ביסטו דען נישט אויך פון
די תלמידים פון דעם דאזיקן מענטש? זאגט ער:
18 איך בין נישט. און די קנעכט און די משרתים זענען
געשטאנען און האבן זיך געווארעמט ביי א פייער,
וואס די האבן געמאכט פון האלצקוילן, ווייל עס